

# תורת אביגדור

## פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

### תצוה

# אן אנגענעמע גערוך

פרנס השבוע

לכבוד הילד החשוב יניק וחכים

כמר **אהרן יודא שלעזינגער** נ"י

מיט ליבשאפט,

פון דיין טאטע

## פרשת תצוה

# אן אנגענעמע גערוך

### 10:00 צופרי

יצחק און הינדי האבן זיך געגרייט צו העלפן די מאמע אין קאך דעם גאנצן טאג. ס'איז געווען ערב שבת און ארבעט צו טון איז געווען גענוג און נאך. זיי האבן געבאקן צימרינג ראגעלעך, טשאקאלאד-טשיפ קיכעלעך און אוודאי האבן זיי נישט פארגעסן פון פרישע חלות לכבוד שבת.

"מאמי, איך דארף א נייע גראגער," האט דער קליינער לעזער ארייגעשטורעמט אין קאך מיט א גערודער.

מען האלט נאך איבער א חודש פאר פורים אבער לעזער טראכט און רעדט א גאנצען טאג נאר פון פורים.

"וואס איז מיט די גראגער וואס דו האסט פון פאריגע יאר?" האט די מאמע אים דערמאנט, וועלגערנדיג די טייג.

"דו מיינסט די אלטע? נע, ס'מאכט שוין נישט גענוג א הויכער גערודער!"

"אקעי לעזער, לאמיר נאר ענדיגן באקן און נאכדעם וועל איך מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף קוקן אין די פורים באקס אויב עס איז דא א גוטע גראגער פאר דיר."

"און מאמי, ווען דו קוקסט איבער די פורים באקס אפשר קענסטו זוכן א פייער-לעשער פארשטעלעכץ. איך וויל זייער שטארק זיך פארשטעלן פאר א פייער לעשער," האט לעזער מיטגעטיילט זיין חלום.

יצחק און הינדי האבן זיך איבערגעבליקט שמייכלדיג. נאר פינף מינוט צוריק האט לעזער געטראפן א קרוין און ער האט פאנטאזירט אז ער וועט זיין אן אחשורוש. ער האלט שוין ביי זיין פינפטער פלאן היינט און ס'איז נאר צען אזייגער צופרי...

און מיט דעם אלעם איז יעדער געווען אין די בעסטע גיסטע! די אנגענעמע גערוך פון די פרישע חלות, אויסגעמישט מיט די צימרינג גערוך וואס האט זיך דערטראגן פון אויוון, האט צושפרייט א וואונדערליכע ריח איבער'ן גאנצן הויז - ס'איז געווען די שמעק פון שבת וואס האט יעדן פרייליך געמאכט.

## 1:30 נאכמיטאג

ווען אביגדור איז אהיימגעקומען פון ישיבה האט די קאך אויסגעזען פונקט ווי פריער. יצחק און הינדי האבן געהאלפן די מאמע אויסוועלגערן די טייג און לעזער האט נאך געהאלטן אינמיטן רודערן, נאר יעצט האט ער שוין געהאלטן ביי זיין צענטן, צי וויפיל'סטן פארשטעלאכץ-פלאן אויף פורים.

"הממממ, ס'שמעקט גוט דא!" האט אביגדור באגריסט די מאמע'ן. "פונקט היינט האבן מיר געלערנט אין די סדרה וועגן די קטורת. מיין רבי האט געזאגט אז די קטורת האבן ארויסגעגעבן די בעסטע ריח פון די גאנצע וועלט - אזאנס וואס איז נישט געווען קיין פארגלייך דערצו. אויך האט מיין רבי אונז דערציילט פון די מזבח אין בית המקדש וואס איז ספעציעל געווען געאייגנט צו פארברענען די קטורת יעדן טאג.

"און איך מוז דיר זאגן מאמי, אז ווען איך קום אריין דא אין קאך און איך שמעק דיינע הכנות צו שבת געבט מיר דאס אן אנגענעמער געפיל. נאר דער שמעק פון די חלות מאכט מיר פרייליך פאר שבת!



מיין רבי האט אונז מיטגעטיילט אז איין דאנערשטאג ווען ער איז געווען ביים שיעור פון הגה"צ רבי אביגדור מיללער ז"ל האט ער געהערט ווי רבי אביגדור שילדערט איבער די הייליגע מצוה פון מקטיר זיין די קטורת אין בית המקדש וואס האט צושפרייט אן אנגענעמע ריח. ווען א איד איז אריינגעקומען אין בית המקדש האט ער געשפירט אז דא איז דער זיסטער פלאץ אין דער וועלט און גארנישט איז נישט בעסער ווי דער הייליגער בית המקדש!

דער אויבערשטער וויל אז עס זאל ווערן איינגעקריצט אין אונזער מח אז אנגענעמע גערוכן, גוטע געפילן און געשמאקע פארברענגען האבן שייכות צו עבודת השם. מצוות זענען געשמאק! זיי זענען די וויכטיגסטע זאכן וואס מיר האבן אויף דער וועלט, דעריבער ווילן מיר אז עס זאל זיך דערטראגן אן אנגענעמע גערוך דערפון. די שולן זענען הערליך ווייל גארנישט שטייגט איבער א שול - ס'איז א פארגעניגן צו זיין אין שול צו רעדן צו הקדוש ברוך הוא.

שבת איז א פארגעניגן און די מחי'דיגע ריח פון די מאכלי שבת דרינגט אריין ביז טיף פון אונזער נשמה און עס מאכט דארט א רושם אויף אייביג. ווייל צו שבת איז נישט דא קיין פארגלייך!

דאס איז די לימוד פון די קטורת; אז אלע וויכטיגע זאכן אויף דער וועלט, אלע זאכן וואס זענען וויכטיג פאר השי"ת דארף ווערן איינגעקריצט אין אונזער מח מיט א זיסקייט. ווען דו האסט געשפאנט צום בית המקדש און דו האסט געשמעקט די אנגענעמע ריח פון די קטורת האסטו געשפירט ווי דו ביזט אין די זיסטע פלאץ אין דער וועלט; ווייל צו זיין נאנט צו השי"ת איז די זיסטע זאך אויף דער וועלט!

דערפאר פראווען מיר יעדן שבת מיט אזויפול פארברענגען. די פרישע שמעקעדיגע חלות, א ברייטע סעודה, פרייליכע געזאנגען צו מאכן יעדעם צופרידן... דאס איז אלעס ארויסצוברענגען די ריכטיגע צוגאנג פון הנאה אויף דער וועלט, די ריכטיגע געשמאק פון לעבן קען מען טרעפן נאר אין קיום תורה ומצוות און זיין נאנט צו השי"ת!

האט'ס אלע א גוט שבת!



**הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך**
**הרה"ג ר' משה בערגמאן שליט"א**
**קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך #3**